# במדבר

א. אויפן פסוק[1] „אלה קרואי העדה נשיאי מטות אבותם ראשי אלפי ישראל הם" שטעלט זיך רש"י אויף די ווער־טער „אלה קרואי העדה" און איז מפרש: „הנקראים לכל דבר חשיבות שבעדה".

אין מפרשים געפינט מען צוויי סוגי פירושים אין כוונת רש"י:

א) רש"י קומט שולל זיין אז מ'זאל ניט לערנען אז „קרואי העדה" מיינט אז זיי רופן (צוזאַמען) די עדה, און אַזוי קען מען ניט לערנען ווארום דאָס איז ניט די חשיבות פון נשיאים[2].

ב) דער לשון „קרואי העדה" איז משמע אַז זיי ווערן גערופן פון דער עדה, וואָס דאָס פּאַסט ניט צו זאָגן אויף נשיאים אַז זיי זיינען די גערופענע און די עדה זיינען די וואָס „קוראים (גוז־רים)", די וואָס רופן די נשיאים, כאילו די עדה איז העכער פון די נשיאים[3].

דעריבער איז רש"י מפרש אַז דאָס מיינט „הנקראים לכל דבר חשיבות שבעדה" — זיי ווערן טאַקע גערופן (אפשר אויך ע"י העדה) אָבער אויף אַן „עצה ותיקון", אויף יעדער דבר חשי־בות וואָס די עדה האָט, אָדער דאַרף האָבן.

ב. עס איז אָבער שווער איינלערנען אין רש"יביידע פירושים הנ"ל:

לויטן ערשטן פירוש אַז רש"י קומט שולל זיין מ'זאָל קיין טעות ניט האָבן אין טייטש פון דעם וואָרט „קרואי" — האָט רש"י געדאַרפט מעתיק זיין פון פסוק בלויז דעם וואָרט „קרואי" און מפרש זיין „הנקראים" (וכיו"ב).

[אויך: אויב דער קס"ד וואָס רש"י איז שולל איז אַ דריטער פירוש אַז „קרואי" מיינט די וואָס רופן די עדה, ווייל דאָס (וואָס זיי רופן די עדה) ווייזט אויף זייער חשיבות, און דעריבער טייטשט אָפּ רש"י אַז די חשיבות איז אַן אַנדערע — „הנק־ראים לכל דבר חשיבות שבעדה" — איז דאָס גופא ניט מובן: פאַרוואָס איז טאַקע רש"י שולל דעם פירוש? דאָס איז דאָך אַן ענין פון חשיבות, מתאים צום ענין דאָ, מ'רופט צוזאַמען די עדה אויף צו ציילן זיי.

מוז מען זאָגן, אַז דאָס וואָס רש"י לערנט ניט דעם פירוש אין פסוק אַז זיי רופן די עדה איז ניט (אַזוי) מצד דעם תוכן הפירוש, נאָר ווייל דאָס איז היפך פירוש התיבה „קרואי": „קרואי" מיינט אַז זיי ווערן גערופן, ניט אַז זיי רופן די עדה.

איז ניט מובן: צוליב וואָס דאַרף דאָס רש"י בכלל שולל זיין, דאָס איז דאָך מובן מעצמו].

אויך דער צווייטער פירוש הנ"ל איז ניט מובן: אין דעם תוכן פון „קרואי" איז ניט אָנגעדייטעט אַז די נקראים זיינען נידעריקער (מצד דעם וואָס זיי ווערן גערופן) פון די קוראים. איז פאַר וואָס איז מען שולל דעם לערנען אַזוי? עס קען דאָך זיין אַז מ'רופט זיי און מ'קערט זיך צו זיי צוליב זייער חשיבות[4].

ג. ווייטער אויפן צווייטן פסוק „ויקח משה ואהרן את האנשים האלה אשר

1) פרשתנו א, טז.

2) ראה דבק טוב ושפ"ח כאן.

3) ראה"ם כאן. וראה גו"א כאן.

4) להעיר מראב"ע ואבי עזרי לראב"ע כאן.

נקבו בשמות", שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער „האנשים האלה" און איז מפרש: „את שנים עשר נשיאים הללו". דערנאָך שטעלט ער זיך אויף די ווערטער „אשר נקבו" און איז מפרש: „לו כאן בשמות".

זיינען מפרשים[5] מסביר, אַז פון אריכות לשון הפסוק — „ויקח משה ואהרן את האנשים האלה גו'" און ניט „ויקח אותם משה ואהרן" וכיו"ב (וויבאַלד מ'האָלט אין ריידן וועגן אָט די נשיאים), האָט געקענט זיין אַ קס"ד, אַז דאָס זיינען אַנדערע אנשים (ניט די י"ב נשיאים וועלכע זיינען אויסגערעכנט פריער), און „אשר נקבו בשמות" מיינט אַנדערע מענטשן וואָס דער אויבערשטער האָט נוקב געווען זייערע נעמען צו משה רבינו פריער „במקום אחר".

איז רש"י דאָס שולל, און זאָגט, אַז דאָ ווערן געמיינט די „שנים עשר נשיאים הללו", און „אשר נקבו בשמות" מיינט (ניט — במקום אחר נאָר) „לו כאן" (צו משה'ן און דאָ אויפן אָרט).

עס איז אָבער זייער שווער צו זאָגן[6] אַז לולא פרש"י וואָלט געווען אַ הוה אמינא אַז דער פסוק דאָ, באמצע הדיבור באריכות וועגן די שנים עשר נשיאים, וועט מיינען מיט „ויקח גו' את האנשים האלה" — אַנדערע מענטשן, ניט „האלה", די אויבנדערמאָנטע וואָס דער אויבערשטער האָט געהייסן; און נאָכמער — דער פסוק זאָל ניט זאָגן בפירוש ווער זיי זיינען, נאָר זאָל אויף זיי אָנדייטן מיט אַ רמז — „את האנשים האלה אשר נקבו בשמות", ניט זאָגנדיק וועגן וועמען עס רעדט זיך, און רש"י זאָל דאַרפן שולל זיין דעם פירוש!

5) ראה רא"ם, דבק טוב, שפ"ח. ועוד.

6) ראה ספר הזכרון ושם אפרים כאן.

ד. אַנדערע מפרשים[7] לערנען, אַז רש"י איז דאָ ניט שולל אַ קס"ד אין פסוק אַז דאָס מיינט אַנדערע מענטשן, נאָר אַן ענין אין הבנת הכתובים:

פון לשון „ויקח משה ואהרן את האנשים האלה" איז משמע אַז דאָס זיינען סתם „אנשים", מ'האָט זיי גענומען ניט דערפאַר וואָס זיי זיינען נשיאים, און דאָס באַוואָרנט רש"י, אַז דאָס זיינען „שנים עשר נשיאים הללו", אַז מ'האָט זיי גענומען אַלס נשיאים.

לפ"ז דאַרף מען אָבער פאַרשטיין, פאַרוואָס שטייט טאַקע אין פסוק „את האנשים" סתם[8] (ניט „נשיאים"), און מ'דאַרף אָנקומען צו פירוש רש"י אַז זיי זיינען גענומען געוואָרן אַלס „י"ב נשיאים הללו"?!

ה. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם נאָך שאלות וואָס שטעלן זיך בהבנת הכתובים[9]:

א) די צוויי פסוקים „אלה קרואי גו'" און „ויקח משה ואהרן גו'" זיינען לכאורה בכלל איבעריק:

בנוגע דעם ערשטן פסוק: עס שטייט שוין בתחלת הענין „ואתכם יהיו איש איש למטה איש ראש לבית אבותיו הוא". איז וואָס קומט דער פסוק דאָ (ווידעראַמאָל) זיי מתאר זיין (ובאריכות)?

נאָכמער איז ניט מובן מאי קמ"ל דער צווייטער פסוק: ס'איז דאָך פשוט אַז משה ואהרן האָבן אויסגעפאָלגט וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געהייסן, אַז

7) גו"א בפרש"י כאן.

8) אבל ראה פרש"י שלח יג, ג: כל אנשים שבמקרא ל' חשיבות.

9) וכמה מהם איתא במפרשי התורה, וברש"י בהשקפה ראשונה אין כל תירוץ, אף שהם דברים בלתי מובנים בפשוטו של מקרא.

מיט זיי זאָלן זיין די נשיאים אויף צו ציילן די אידן; און ווי בריבוי מקומות בתורה וואָס תורה דערציילט ניט נאָכ'ן ציווי אַז משה האָט מקיים געווען דעם ציווי השם, וואָרום ס'איז מובן מעצמו[10].

אפילו אויב דער פסוק וויל דאָ (מאיזה טעם) מפרט זיין אַז משה ואהרן האָבן מקיים געווען ציווי הקב"ה בפועל, וואָלט געווען גענוג צו זאָגן „ויעשו כן משה ואהרן"[11] אָדער עכ"פ „ויקח משה ואהרן את האנשים האלה"; וואָס איז נויטיק דער המשך „אשר נקבו בשמות", כאילו מ'דאַרף האָבן אַ סימן וועמען זיי האָבן גענומען?

ב) בכלל איז דאָ ניט מובן דער המשך דיבור הקב"ה למשה: נאָך דעם פסוק[12]: „ואתכם יהיו איש איש למטה גו'" האָט דער אויבערשטער געזאָגט[13] „ואלה שמות האנשים אשר יעמדו אתכם לראובן גו'", און איז מפרט די נעמען פון יעדער נשיא שבט באַזונדער.

ולכאורה, דער דיבור איז דאָך געווען „באחד לחודש השני בשנה השנית", ד. ה. באחד באייר, אַ חודש נאָך דעם ווי הוקם המשכן[14], וואָס דעמאָלט האָבן די זעלבע נשיאים מקריב געווען קרבנות לחנוכת המזבח[15] — היינט פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער מוסיף געווען „ואלה שמות האנשים וגו'", כאילו ער איז מגלה און מודיע למשה די נעמען פון די נשיאים, בשעת זיי זיינען געווען באַוואוסט צו משה'ן פון פריער[16]

[די פסוקים „ואלה שמות האנשים גו'" זיינען ניט הודעת הכתוב (וואָס דאַן איז מובן הודעת השמות, וויבאַלד אין תורה זיינען נאָך ביז איצטער ניט דערמאַנט שמות הנשיאים, זיי ווערן אויסגערעכנט ערשט בפ' נשא), נאָר אַ טייל פון דיבור הקב"ה למשה — „ואלה שמות האנשים **אשר** יעמדו אתכם גו'"][17].

**ו. צו פאַרענטפערן אַט די שאלות, זאָגט רש"י „קרואי העדה — הנקראים לכל דבר חשיבות שבעדה": דאָ האָט זיך אויפגעטאָן אַ נייער ענין בּאַ די נשיאים, וואָס איז בּאַ זיי פריער ניט געווען.**

און דאָס קומט בהמשך צום פריערדיקן פירוש אין רש"י: אויפן פסוק „ואתכם יהיו איש איש למטה" איז רש"י מפרש: „כשתפקדו אותם יהיו עמכם נשיא כל שבט ושבט", וואָס בפשטות קומט דאָ רש"י מפרש זיין, אַז דאָס וואָס די נשיאים זיינען געווען צוזאַמען מיט משה ואהרן במנין בני ישראל, איז ניט דער פירוש אַז יעדער נשיא האָט זיך משתתף געווען נאָר במנין שבטו, נאָר אַז די נשיאים פון אַלע שבטים האָבן זיך משתתף געווען במנין כל שבט ושבט[18].

---

10) ובפרט שבלאה"כ מפורש אח"כ בתורה (א, יט. וראה פסוק מד) כאשר צוה ה' את משה ויפקדם במדבר סיני.

11) ע"ד לקמן א, נד. ב, לד.

12) א, ד.

13) א, ה.

14) ריש פרשתנו ובפרש"י שם.

15) כמפורש בפרשת נשא ז, ב. שם, יוד ואילך.

16) ואף שהבן חמש למקרא עדיין לא למד פ' נשא — מ"מ, כבר הודיעו רש"י לפנ"ז בפ' ויקהל (לה, כז) נדבת הנשיאים לחנוכת המזבח.

17) במשכיל לדוד מפרש זה בפרש"י אשר נקבו לו כאן בשמות, ש„מש"ה קפיד רחמנא לפרושינהו לומר לו שיקחם בסדר הזה שנקבו כאן בשמות כו'". אבל ברש"י אין רמז אפילו להסדר.

18) דאין לומר שרש"י בא לבאר ולפרש זה דרק משה ואהרן הם המונים, והנשיאים רק „יהיו אתכם" — עמכם — כשתפקדו (כמ"ש בכמה מפרשים — פי' א' במהרי"ק ועוד), כי אז הי' מספיק שיאמר בהמשך הפסוק וסיום להפסוק שלפנ"ז „ואתכם איש איש למטה", כמ"ש במשכיל לדוד כאן (וראה פרשתנו א, מד).

[און רש״י נעמט עס ארויס פון לשון הפסוק „ואתכם יהיו״, און עס שטייט ניט (בהמשך צום לשון אין דעם פריערדיקן פסוק) „תפקדו אותם לצבאותם אתה ואהרן ונשיאי השבטים״ וכיו״ב, וכמבואר אין מפרשים בפרטיות[19]].

דאַרף האָבן ביאור: וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער נשיא פון איין שבט צו דעם מנין פון אַ צווייטן שבט (וואָס ער איז ניט זיין נשיא)?

משה ואהרן זיינען די וואָס זיינען די „פירער״ פון אַלע אידן (משה איז דער גואל ומנהיג און אהרן איז דער כה״ג — פון אַלע אידן), דעריבער ציילן זיי אַלע שבטי ישראל;

אָבער די נשיאים זיינען דאָך שייך יעדערער נאָר צו דעם שבט וועלכנ׳ס נשיא ער איז, ומצד דעם האָט אַז אָרט צו משתתף זיין יעדערן פון זיי אין דעם מנין פון זיין שבט, מצד כבודו של הנשיא, אָדער ווייל ער האָט געדאַרפט באַשטעטיקן אַז דער געציילטער געהערט צו זיין שבט (עס קען זיין אַ ספק וועגן דעם יחוס פון אַ אידן, ווערט עס נפתר דורך דעם נשיא)[20] —

וואָס פאַר אַ שייכות האָט אָבער דער נשיא צו די אַנדערע שבטי ישראל, וואָס מצד דעם דאַרף ער זיך משתתף זיין אין זייער מנין?

אויף דעם איז געווען דער דיבור ה׳ „אלה קרואי העדה״: דעמאָלט האָט זיי דער אויבערשטער ממנה געווען מיט אַ מינוי חדש, אַז נוסף לזה וואָס יעדערער פון זיי איז אַ נשיא לשבטו, זיינען זיי געוואָרן די „נקראים לכל דבר חשיבות שבעדה״: זיי האָבן אַ שייכות און זיי זיינען פאַרבונדן מיט דער גאַנצער עדה, מיט אַלע אידן (ניט בלויז מיט זיין שבט).

ז. עפ״ז וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס ביים מתאר זיין די נשיאים זאָגט דער פסוק „נשיאי מטות אבותם ראשי אלפי ישראל הם״. דלכאורה, דאָ איז בלויז נוגע אַז זיי זיינען „נשיאי מטות אבותם״: וואָס איז דער פסוק מוסיף ומדגיש „ראשי אלפי ישראל הם״?

נאָר דער פסוק וויל דערמיט אונטערשטרייכן זייער גדלות בכלל, אַז זיי זיינען „ראשי אלפי ישראל״, ובמילא זיינען זיי ראוי צו ווערן „קרואי העדה״ און מען איז זיי משתף ביים מנין פון אַלע אידן.

[ויומתק יותר לויטן פירוש אין „ראשי אלפי ישראל״, אַז דאָס מיינט — ראשים אויף די „שרי אלפים״[21]: דער סך הכל פון מנין כל שבט איז דאָך געווען כמה מאות וכו׳ יתירות על האלפים[22]. איז בכדי צו משלים זיין אַ מספר של אלפים, עס זאָל אויך אויף די מאות וכו׳ זיין אַ „שר האלף״, האָט מען געדאַרפט מצרף זיין די מאות וכו׳ פון פאַרשידענע שבטים[23].

19) משכיל לדוד בפרש״י.

20) כמ״ש באברבנאל, ספורנו כאן (א, ד). ועוד. וראה כלי יקר שם בסופו.

21) ראה ראב״ע כאן. אברבנאל. ועוד.

22) בהמנין דפרשתנו כ״ה במנין דכל שבט, כמפורש לקמן בהפסוקים (א, כא ואילך). ועפ״פ פרש״י תשא (ל, טז) משמע שגם בהמנין שלאחרי חטא העגל הי׳ עד״ז. ואכ״מ.

23) כי אין מסתבר (ע״ד הפשט) שמאות הנותרות שבכל שבט לא הי׳ להם שר האלף. ועוד ועיקר — כן מוכח בפרש״י יתרו יח, כא (מסנהדרין יח, א): שרי אלפים הם היו שש מאות שרים לשש מאות אלף וכו׳

[וצע״ק בהמנין דשרי אלפים (וכן בשרי מאות, חמישים ועשרות) דבפרש״י שהרי הי׳ ג׳ אלפים חמש מאות וחמישים יתר על השש מאות אלף (פרשתנו א, מו), וכן הי׳ מנינם גם בהמנין לאחרי יום הכפורים (רש״י תשא שם). ופרשת יתרו „ואתה תחזה״ (דעלי׳

קומט אויס, אַז די נשיאים, זייענדיק נשיאים אויף די שרי אלפים, איז זייער נשיאות געווען ניט נאָר אויף בני שבטם, נאָר אויך אויף אַנדערע].

ח. עפ״ז איז אויך פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט דאָ אויסגערעכנט די נעמען פון אַלע נשי־אים — ווייל, ווי מען האָט שוין גע־לערנט פריער, איז דער אויבערשטער ממנה (און גיט די נויטיגע צו דעם כחות), דורך קריאה בשם, ווי עס שטייט[24] „ראה קראתי בשם בצלאל גו׳ ואמלא אותו רוח אלקים גו׳״.

ועד״ז בנדו״ד: דורך דעם וואָס דער אויבערשטער האָט קורא געווען די שמות הנשיאים (צו משה׳ן)[25], האָט דאָס גע׳פועל׳ט אין זיי אַ מינוי ועניין חדש וואָס איז בא זיי פריער ניט געווען; זיי זיינען געוואָרן „קרואי העדה — נק־ראים לכל דבר חשיבות שבעדה״ (פון דער גאַנצער עדה, כנ״ל).

און דערמיט ווערט אויך פאַרשטאַנ־דיק דער צווייטער פסוק דאָ „ויקח משה ואהרן את האנשים האלה אשר נקבו בשמות״: וויבאַלד ס׳איז דעמאָלט נת־חדש געוואָרן אַ מינוי ונתינת כח מיוחד פון אויבערשטן צו די נשיאים, האָט גע־דאַרפט אויך זיין מחדש „ויקח״, אַלס „קרואי העדה״ (נוסף על המינוי פריער אַלס נשיאי השבטים).

און דאָס איז כוונת רש״י „האנשים האלה — את שנים עשר נשיאים הללו, אשר נקבו לו כאן בשמות״. דאָס זיי־נען ניט קיין צוויי באַזונדערע דיבור המתחיל׳ס אין רש״י, נאָר ס׳איז איין המשך הדבור[26]. רש״י איז מעתיק דעם לשון הכתוב און שטעלט אַריין אין צווישן דעם פירוש: האנשים האלה — את שנים עשר נשיאים הללו — אשר נקבו — לו כאן — בשמות.

דערמיט באַוואָרנט ער — ניט (כפי־רושים הנ״ל) אַז מ׳מיינט ניט אַנ־דערע מענטשן, נאָר ער איז מסביר פרטי הלקיחה פון משה ואהרן: האנשים האלה זיינען די י״ב נשיאים פון פריער, אָבער די לקיחה איז (אויך) מצד דעם מינוי וואָס איז ביי זיי איצט נתחדש גע־וואָרן — אשר נקבו לו כאן בשמות, כאָטש אַז אַלס נשיאים זיינען זיי שוין געווען באַוואוסט פון פריער.

און דערפאַר שטייט אין פסוק „ויקח משה ואהרן את האנשים האלה״ — ווייל דאָס וואָס „ויקח משה ואהרן״ די נשי־אים מיט זיך אויף ציילן די אידן, איז ניט געווען אַלס תוצאה (נאָר) דערפון וואָס זיי זיינען נשיאי המטות, די שייכות צו זיין שבט[27], נאָר אַלס „האנשים האלה״, אַט די מענטשן — (אויך) אַלס קרואי העדה, אַלס מענטשן אויסגעטיילטע פון דער גאַנצער עדה.

ט. עס איז אָבער נאָך אַלץ ניט אינ־גאַנצן גלאַטיק: סוף סוף, לאיזה צורך האָט מען געדאַרפט האָבן אַז יעדער נשיא זאָל זיך משתתף זיין אין דעם מנין שאר השבטים, און מצד דעם האָט מען געדאַרפט אויפטאָן אַ מינוי חדש — „קרואי העדה״ — זיי זאָלן האָבן אַ

---

קאי פרש״י הנ״ל) היתה — לפרש״י (יתרו יח, יג) — אחרי יוהכ״פ. ואכ״מ].

24) תשא לא, ב ואילך. ומשה הזכיר זה כשמסר הציווי לבנ״י (ויקהל לה, ל).

25) להעיר מיריעות שלמה כאן (שפ״ח כאן בשם המהרש״ל). ש״ך עה״ת פרשתנו א, ג (בסופו). יז.

26) בדפוס ראשון ודפוס שני וכמה כת״י רש״י אין נקודות המפסיקות (וגם אין ריוח) המורות על ד״ה חדש.

27) שזה מכריח שיהי׳ במנין שבטו.

שייכות (ניט נאָר צו זייער שבט, נאָר) צו דער גאַנצער עדה? דלכאורה, ממה נפשך:

מצד דעם ענין הכללי שבמנין, וואָס ער נעמט אַרום אַלע בני ישראל כאחד, ובמילא פאָדערט זיך אַז ער זאָל דורכ־געפירט ווערן דורך אַזעלכע וואָס האָבן אַ שייכות צום גאַנצן כלל כאחד — איז גענוג אַז דער מנין זאָל דורכגעפירט ווערן (ווי די פריערדיקע מנינים) דורך משה׳ן אַליין (ולכל היותר — אויך דורך אהרן כהן גדול);

און מצד דער אויסגעטיילטקייט פון יעדן שבט לעצמו, וואָס מ׳האָט דאַ גע־ציילט יעדן שבט באַזונדער (צו וויסן דעם סכום פון אידן „למשפחותם לבית אבותם״), ובמילא האָט מען געמוזט מצרף זיין די נשיאי השבטים (כנ״ל) — איז דאָך אין דעם ניט נוגע, לכאורה, וואָס די נשיאים האָבן אויך אַ שייכות צו כל העדה?

יו״ד. איז דער ביאור בזה:

דער ענין פון מנין איז (בלשון רש״י[28]) — „להודיע חבתן כו׳״, עס ברענגט אַרויס די חיבה פון אידן. ווי דער של״ה[29] איז מבאר, אַז דורך מנין ווערן אידן אַ דבר חשוב (דבר שבמנין) ובמילא לא בטיל[30].

און אין דעם זיינען פאַראַן צוויי או־פנים[31]:

די פריערדיקע מנינים, ביי וועלכע מ׳האָט געציילט אַלע אידן ווי איין כלל (אָן דער התחלקות לשבטים) — זיינען געקומען „להודיע״ (מגלה זיין) די מעלה וחיבה פון אידן וואָס איז העכער פון התחלקות. וואָס דאָס איז די מעלה מצד עצם הנשמה פון יעדער אידן, אין וועל־כער ס׳איז ניטאָ קיין חילוק צווישן איין איד און אַ צווייטן.

דער מנין פון אונזער פרשה[32], איז געקומען מגלה זיין („להודיע״) אויך די מעלות פרטיות פון אידן, וואָס אין דעם איז פאַראַן התחלקות צווישן אידן (ס׳זיינען ניט דומה די מעלות פרטיות פון איין אידן צו די מעלות פרטיות פון אַ צווייטן אידן);

און דערפאַר האָט מען דאַ געציילט אויך יעדן שבט באַזונדער, ווייל די י״ב שבטים זיינען געווען חלוק אין זייער אָרט לעבן, לימוד התורה, פרנסתם וכו׳ — ווי מ׳זעט עס בברכות יעקב (וכבפרש״י שם), דערפון איז מובן אַז זיי זיינען אויך געווען מחולק בעבודת השם, ובכללות — זיינען עס י״ב דרכים כלליים אין עבודת ה׳ אין וועלכע עס טיילט זיך כלל ישראל[33] („ראובן״ — די עבודה פון „ראו״, ראי׳, „שמעון״ — שמיעה[34], אא״וו).

יא. אעפ״כ איז אויך ביי דעם מנין יעדער איד גערעכנט געוואָרן אַלס איי־נער — ניט מער און ניט ווינציקער. וואָס דאָס ווייזט (ווי גערעדט כמה פעמים[35]) אַז אין דעם מנין איז דאָ אַן ענין אין וועלכן אַלע זיינען גלייך, אע״פ

28) ריש פרשתנו.

29) שמז, סע״א ואילך. נת׳ בד״ה צהר תעשה תרע״ג (בהמשך תער״ב). לקו״ש ח״ד ע׳ 1019 ואילך.

30) ביצה ג, ב. וש״נ. שו״ע יו״ד סקי׳ ס״א. שו״ע אדה״ז או״ח סתמ״ז ס״כ.

31) ראה לקו״ש ח״ח ע׳ 3 ואילך.

32) ווי״ל שכאן גופא (וכן בפ׳ פנחס) היו ב׳ מנינים: כל שבט בפ״ע, צירוף כולם יחד. ובפרט ע״פ פי׳ האריז״ל בלקוטי תורה בפרשתנו בפי׳ מש״כ בני נפתלי (ולא „לבני״ כבהשאר).

33) ראה לקו״ש ח״ו ע׳ 11. לקו״ש ח״י ע׳ 97 ואילך. וש״נ.

34) תו״א ר״פ ויחי. ובכ״מ.

35) ראה לקו״ש ח״ח שם. וש״נ.

וואס מ'איז געטיילט און געציילט למשפחותם לבית אבותם.

קומט אויס, אז אין דעם איז פאראן א דבר והיפוכו: ניט געקוקט אויף דעם וואס דער מנין איז פארבונדן מיט די מעלות פרטיות פון אידן

— וואס אין דעם זיינען פאראן חילוקי מדריגות: דער וואס פארמאגט א העכערע מעלה (לדוגמא: ראשיכם שבטיכם וכיו"ב), האט מער חשיבות ווי דער וואס האט א מעלה פחותה (חוטב עציך ושואב מימיך וכיו"ב); ובמילא האט ניט קיין ארט, לכאורה, צו ציילן זיי אלעמען גלייך (מיט דער זעלבער חשיבות) —

און פונדעסטוועגן ווערט יעדער איד גערעכנט (אויך) בשווה צו אלע אנדערע אידן.

ווי"ל די הסברה פון צירוף שניהם יחד: דאס וואס מען ציילט אידן מצד זייערע מעלות פרטיות, איז דאס ניט (נאר) בכדי ארויסצוברענגען די מעלה פון יעדן אידן (אדער שבט) פאר זיך אליין, נאר — ווי די אלע מעלות פרטיות צוזאמען שטעלן מיט זיך צונויף איין קומה שלימה[36].

וואס אין דעם ענין — וואס יעדע מעלה פרטית איז משלים דעם כלל — איז ניטא קיין התחלקות[37]: פונקט ווי די „קומה שלימה" מוז אנקומען צו מעלת הראש והמוח כדי דערגרייכן איר שלימות, אזוי מוז זי אנקומען צו מעלת הרגל. און דערפאר ווערט יעדערער געציילט (גלייך) אלס איינער — ווייל אין משלים זיין דעם כלל זיינען אלע גלייך.

און דאס איז אויך דער ביאור פאר וואס די נשיאי המטות האבן זיך געדארפט משתתף זיין אין דעם מנין פון אלע אידן (דורך זייער ווערן „קרואי העדה" — „הנקראים לכל דבר חשיבות שבעדה") — ווייל אין דעם מנין פון יעדן שבט בפ"ע האט געמוזט זיין (אויך) נרגש ווי דאס איז ניט (נאר) א באזונדער מנין (אלס א באזונדער מציאות), נאר אויך דער מנין פרטי ווערט געציילט אלס א טייל פון כלל[38].

(משיחת ש"פ במדבר תשל"ו)

36) וכמו שהוא בהמנין בפשטות, שלכן לאחרי הפירוט דמנין כל שבט בפ"ע חוזרת התורה ומפרשת הסך הכל דכל פקודי בני ישראל (א, מה־ו).

37) ראה לקו"ת ר"פ נצבים. לקו"ש ח"ד ע' 1141 ואילך. לקמן ע' 56 ואילך.

38) ע"פ המבואר בפנים יומתק יותר זה שמינוים של הנשיאים כ„קרואי העדה" הי' ע"י נקיבת שמותם — כי בענין ה„שם" מתחברים ב' הענינים (שצ"ל במנין זה): העצם שלמעלה מהתחלקות וכחות הגלוים, עם כחות הגלוים של האדם,

כידוע ב' הקצוות שבענין השם: שייך לעצם האדם שלמעלה מכחות הגלוים (שלכן כשקוראין את האדם בשמו מתעורר מהתעלפותו — ראה ד"ה בעצם היום הזה תשי"א פ"א. ד"ה אתה אחד (ועתידין צדיקים) תש"ב. ועוד); ולאידך — כל ענין השם הוא רק בהארת הנשמה המלובשת בגוף, כי עצם הנשמה למעלה אין צריך לשם (לקו"ת בהר מא, ג).

ויתרה מזה — בפשטות ענינו בכדי שהזולת יוכל לקראו.

# במדבר ב

א. אין פסוקי[1] „ואלה תולדות אהרן ומשה ביום דבר ה׳ את משה בהר סיני״, שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „ואלה תולדות אהרן ומשה״ און איז מפרש: „ואינו מזכיר אלא בני אהרן[2], ונקראו תולדות משה לפי שלמדן תורה מלמד שכל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו״.

[און ווי מפרשים[3] זיינען מסביר דעם טעם פאַרוואָס דאָס איז שייך צו די בני אהרן דוקא (כאָטש אַז משה האָט גע־לערנט תורה מיט אַלע אידן) — ווייל משה האָט געלערנט מיט זיי באַזונדער, און — איידער ער האָט געלערנט מיט אַלע אידן (ווי רש״י האָט שוין גע־בראַכט פריער אין ס״פ תשא[4] דעם „סדר משנה״);

און וויבאַלד אַז אין דעם איז משה ניט געווען מחוייב (ואדרבה, וויבאַלד ער האָט שוין געהאַט געלערנט פריער מיט אהרן׳ען, איז דאָך שוין אהרן געוואָרן מחוייב[5] צו לערנען מיט זיינע קינ־דער[6]), דעריבער האָט משה באַקומען דעם שכר מיוחד, אַז „מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו״].

דערנאָך איז רש״י ממשיך בפירושו: „ביום דבר ה׳ את משה, נעשו אלו התול־דות שלו שלמדן מה שלמד מפי הגבורה״.

וואָס איז דאָ רש״י אויסן צו מוסיף זיין מיט׳ן הסבר (אין צווייטן דיבור) „נעשו אלו התולדות שלו שלמדן מה שלמד

1) פרשתנו ג, א.

2) אין כוונת רש״י ב„ואינו מזכיר אלא בני אהרן״ למה לא נמנו גם בני משה — כי: כאן מדובר רק ב„בני אהרן״ (כי כאן נוגע ענין הכהונה, כמשנ״ת בלקו״ש חי״ג ע׳ 9 בהערה), והקושיא להיפך: למה נאמר „(ואלה תולדות..) ומשה״. — וראה רמב״ן כאן דבני משה נכללו להלן בפרשה (ג, כז ואילך).

3) ראה גו״א, שפ״ח ומשכיל לדוד כאן. ובדבק טוב באו״א קצת (ראה לקמן הערה 22).

4) לד, לב. — להעיר, ששם נזכרו רק אלעזר ואיתמר ולא נדב ואביהוא. אבל ראה פרש״י יתרו יח, כג. וראה חדא״ג מהרש״א דלקמן הערה 19. ואכ״מ.

5) ועפ״ז מובן דיוק לשון רש״י „המלמד את בן חבירו״ — כי מהענין („אהרן ומשה״) שממנו נלמד — מוכרח רק „בן חבירו״, היינו חבירו כמותו (ראה גם עיון יעקב לע״י סנה׳ יט, ב), שגם לחבירו ישנה האפשריות ללמד את בנו, וכשהוא מלמדו* עושה לפנים משורת הדין, ולכן נותנים לו שכר ד„כאילו ילדו״: משא״כ המלמד בנו של אחד שאינו חבירו (היינו שאינו כמותו, שאינו יכול ללמד את בנו), או המלמד יתום וכיו״ב (שאינו — לפנים משורת הדין) — אין לו השכר ד„כאילו ילדו״**. [באהבת איתן לע״י סנהדרין (שם) כתב להיפך, דאפילו בני אהרן (שלא הי׳ מחוייב ללמדם) נק׳ תולדותיו, ומכש״כ אחרים שמחוייב ללמדם. וראה פני דוד פרשתנו עה״פ. עיון יעקב שם].

6) היינו הלימוד עם בני אהרן בפ״ע, שזה חיובו של אהרן דוקא: ולכן זה שמשה למדן תורה בפ״ע (לא ביחד עם כל העם) הו״ע של לפנים משורת הדין.

[אבל מ״ש במשכיל לדוד, שמצד זה גופא שהקדימם לכל ישראל נק׳ בניו (כי מצוה להקדים בנו, ע״ש) — צ״ע, דא״כ למה לא נק׳ גם אהרן והזקנים תולדות משה? ועכצ״ל שרק בני אהרן שעצם הלימוד עמהם (בפ״ע) הי׳ ענין של לפנים משורת הדין (מכיון שכבר למד לפנ״ז עם אהרן אביהם) נק׳ תולדותיו. וראה לקמן הערה 34].

*) יותר נ״ל **שגם** הוא מלמדו (וכמו ב„ילדו״ כפשוטו — שיש גם הוריו) — וכבנדו״ד שגם אהרן למדם „כדאיתא בעירובין (נד, ב)״ — ל׳ **רש״י** תשא שם. ולהעיר מעיון יעקב לסנה׳ שם. אבל ראה לקמן בפנים סעיף ה׳ וז׳.

**) אולי י״ל שזהו עוד סוג — „אשר **עשו** (בחרן)״ (רש״י לך יב, ה). אבל ראה לקמן הערה 36.